# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת **בראשית** תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 454



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

**פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה**

### דער טעם אז פרויען זאגן 'שעשני כרצונו'

**"וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ וְיִרְדּוּ בִדְגַת הַיָּם וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּבַבְּהֵמָה וּבְכָל הָאָרֶץ וּבְכָל הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ"** (א כו)

רש"י שרייבט (ע"פ סנהדרין לח ב) אז וועגן דעם האט די תורה געשריבן "נַעֲשֶׂה אָדָם", ווייל ווען הקב"ה האט געוואלט באשאפן דעם מענטש האט זיך אדורכגערעדט מיט די מלאכים, און די תורה לערנט אונז דרך ארץ "שיהא הגדול נמלך ונוטל רשות מן הקטן".

מיט דעם ערקלערט **רבי יעקב משולם אורנשטיין** פון לעמבערג דער טעם אז פרויען זאגן יעדן אינדערפרי 'שעשני כרצונו'. ווייל ביי די בריאה פון אדם האט דער אויבישטער זיך אדורכגערעדט מיט די מלאכים, אבער ביי די בריאה פון די פרוי האט ער געטון 'כרצונו' און זיך נישט בעראטן מיט די מלאכים, ווייל חוה איז געווען א המשך און א טייל פון בריאת האדם און זי ווערט נישט גערעכנט ווי א נייע בריאה.

'ישועות יעקב' או"ח מו ה

### צוויי בחינות ביי די וואס שטעלן זיך דאווענען

**"וַיָּבֵא קַיִן מִפְּרִי הָאֲדָמָה מִנְחָה לַה'; וְהֶבֶל הֵבִיא גַם הוּא מִבְּכֹרוֹת צֹאנוֹ וּמֵחֶלְבֵהֶן וַיִּשַׁע ה' אֶל הֶבֶל וְאֶל מִנְחָתוֹ"** (ד ד)

אויב די קרבן פון הבל איז אנגענומען געווארן אין די צייט וואס די קרבן פון קין איז אוועקגעשטויסן געווארן, פארוואס שטייט אויף אים "וְהֶבֶל הֵבִיא גַם הוּא", און עס זעט אויס אז זיין קרבן איז פונקט ווי דער קרבן פון קין?

טייטש **האדמו"ר רבי שמואל אליהו פון זוואלין**:

עס זענען פארהאן צוויי בחינות ביי די וואס דאווענען: עס איז דא איינער וואס צוליב זיין שטאלצקייט פילט ער ביי זיך אז ער איז ראוי צו דאווענען און זיי תפילה איז באוויליגט און אנגענומען. דאקעגן איז דא איינער וואס לעבט מיט 'חשבון נפש' און שעמט זיך צו שטעלן דאווענען פארן באשעפער. אזא מענטש פארזוימט זיך מיטן זיך צוגרייטן צום דאווענען ביז ער זעט אז דער גאנצער ציבור שטעלט זיך דאווענען, און נאר דעמאלט שטעלט ער זיך צו טראכטנדיג: "כאטש איך בין נישט ראוי צו דאווענען, פון דעסוועגן ווייל אלע דאווענען, וועל איך זיך נאכשלעפן נאך זיי". די תפילה פון דער וואס האלט נישט פון זיך איז זייער באליבט אין הימל, ווייל עס ווערט געזאגט מיט א צובראכנקייט.

דאס איז אויך געווען דער חילוק צווישן קין און הבל: קין וואס האט זיך גרויס געהאלטן האט זיך געאיילט מקריב זיין זיין קרבן צום ערשט. דאקעגן הבל מיט זיין ענוה האט מורא געהאט אפשר איז ער נישט ראוי מקריב זיין זיין קרבן, אבער דערנאך וואס קין האט מקריב געווען זיין קרבן האט ער נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר זיך צושטעלן "גם הוא" און מקריב זיין. און טאקע צוליב די סיבה איז זיין קרבן אנגענומען געווארן לרצון.

'דברי ישראל'

### די מידת הרחמים ווערט נתעורר בעפאר די מידת הדין

**"אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם בְּיוֹם עֲשׂוֹת ה' אֱלֹקִים אֶרֶץ וְשָׁמָיִם"** (ב ד)

רש"י ערקלערט (לעיל א א): הקב"ה ווערט אנגערופן 'אלקים' צוליב זיין הנהגה מיט מידת הדין, וואס באדייט אז הקב"ה פירט זיך מיט יעדן מענטש לויט וואס עס קומט אים על פי דין - דער וואס איז מקיים די תורה באקומט שכר, און דער זינדיגער ווערט געשטראפט. אין אנהויב האט הקב"ה געוואלט באשאפן די וועלט מיט מידת הדין, אזוי ווי עס שטייט (שם): "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ", אבער ווען ער האט פארשטאנען אז דער וועלט קען נישט עקזיסטירן מיט די הנהגה פון מידת הדין, האט ער מקדים געווען צו דעם מידת הרחמים - וואס ווערט ארויסגעזאגט מיט די הוי"ה, און עס משתף געווען צו די מידת הדין".

דעריבער אין אונזער פסוק שטייט: בְּיוֹם עֲשׂוֹת ה' אֱלֹקִים אֶרֶץ וְשָׁמָיִם" - אין אנהויב ווערט דערמאנט דער שם הוי"ה, וואס סימבאליזירט די הנהגה פון מידת הרחמים, און נאר נאכדעם די נאמען אלקים, וואס איז אקעגן די הנהגה פון מידת הדין.

דער **'פרי מגדים'** לייגט צו, מיט דעם וואס הקב"ה האט מקדים געווען די מידת הרחמים צו מידת הדין, און נישט נאר צוזאמגעשטעלט, האט ער מער אפגעשוואכט די מידת הדין. ווייל ווען די מידת הדין ווערט נתעורר דערנאך וואס עס איז שוין געווען די מידת הרחמים, איז איר שטארקייט אסאך שוואכער ווי ווען זי וואלט נתעורר געווארן בעפאר מידת הרחמים. און דאס לויבן מיר השי"ת ביים זאגן דער פיוט 'וכל מאמינים' אין די ימים הנוראים: "הרחום ומקדים רחמים לרוגז", אז מיט זיין גרויסע רחמנות האט ער נישט נאר משתף געווען די מידת הרחמים צו מידת הדין, נאר אויך מקדים געווען.

'ספר המגיד' תקל"ו

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### מען הייבט אן פון בראשי"ת

'שבת בראשית' איז א שבת מיט א באזונדערע התחדשות. יעדע יאר אין דעם שבת הייבן מיר אן די תורה פון דאסניי, דערמיט טון מיר אויסדריקן אונזער התחייבות צו לערנען אייביג די הייליגע תורה.

שבת בראשית דינט אויך אלס א וויכטיגע דערמאנונג אויף אונזער פליכט צו זאגן הויעך יעדע ברכה און מזכה זיין די ארומיגע מיט ענטפערן אמן, אזוי ווי דער חיד"א ברענגט אין זיין ספר 'נחל קדומים' אז די ווארט "בראשית" איז ראשי תיבות: "**ב**קול **ר**ם **א**ברך **ש**ם **י**י **ת**מיד".

די פאקט אז די מעלה איז מרומז אין די ערשטע ווארט אין די תורה, לערנט אונז אויף איר ספעציעלע חשיבות, און אויפן זיין די ערשטע פון די מעלות אין עבודת הבורא.

דער וואס געוואוינט זיך איין צו זאגן אלע זיינע ברכות הויך, פארדינט דאפלט; סיי זיין שותפות אין די טויזנטער אמן'ס וואס אדאנק אים זענען זיי נישט פארלוירן געווארן, דורך דעם וואס ער האט געזאגט די ברכות הויך און מזכה געווען די ארומיגע אז זיי האבן געענטפערט אמן, און סיי אין דעם וואס דורך זיין הקפדה צו זאגן הויך די ברכה אין די אויערן פון אנדערע קויפט ער זיך א וואונדערבארע געוואוינהייט, אפגעבן דעם ריכטיגן כבוד פאר די ברכות וואס ער זאגט ארויס פארן קעניג פון דער וועלט, און חלילה נישט זיי אפמורמלען ווי 'מצות אנשים מלומדה'.

אין דער רמז קען מען אויך געפינען א באזונדערן דגוש: "בכל עת אברך את שם יי **תמיד**" - אין יעדע צייט און אין יעדע פלאץ; אין אלע צייטן - פון ברכות השחר ביז ברכת המפיל, און אין יעדע פלאץ - אויך ווען ער איז צווישן פרעמדע, זאל ער זיך נישט שעמען מיט זיין הנהגה און זיך נישט רעכענען מיט קיינעם, נאר זיך האלטן פעסט ביי זיין הנהגה און מקפיד זיין צו זאגן יעדע ברכה הויך.

אויף דעם וועג קען מען צולייגן, אז די צווייטע ווארט אין די תורה: 'ברא', איז משלים די פריערדיגע מיט דעם וואס זי איז מרמז אויף די חוב פון ענטפערן אמן נאך די ברכה, ווייל 'ברא' איז ראשי תיבות: '**ב**קול **ר**ם **א**מן'. דער רמז איז א דירעקטער המשך צום פריערדיגן רמז. ווייל דער עיקר מעלה און שכר פון אמן איז אויפן איר ענטפערן בקול רם (ראה תוספות שבת קיט ב), אבער, ווייל די חכמים האבן געהייסן (ברכות מה א) אז דער עונה אמן זאל נישט אויפהייבן זיין שטימע העכער פון דער מברך, דעריבער, נאר ווען דער מברך איז מקפיד אויף: 'בראשית' - 'בקול רם אברך שם יי תמיד', דעמאלטס קען מען ענטפערן - 'ברא' - 'בקול רם אמן'.

'שבת בראשית' איז נאנט צו די ימים הנוראים וואס אין זיי זענען מיר העכער געווארן, מיר האבן תשובה געטון און זיך אונטערגענומען הנהגות טובות אויף לעתיד. דאס איז פאר אונז א גוטע געלעגנהייט אנהייבן פון בראשי"ת. מיר וועלן מקפיד זיין אויף זאגן הויעך יעדע ברכה און מיר וועלן געבענטש ווערן ממעון הברכות מיט אלע ברכות, אמן ואמן.

מיט א רוף: "בקול רם אברך שם יי **תמיד**"

א גוט שבת

*יעקב דוד מארמארשטיין*

# די 'אמן' האט פאר'חתמ'עט דעם דין לטובה

די וואונדערליכע מעשה וואס איז פאר אייך איז אונז לעצטנס געשיקט דורך דער בעל המעשה, א טייערער איד, וועלכער נאכן זיך מחזק זיין אין דער ענין פון ענטפערן אמן אדאנק די אקטיוויטעטן פון 'בני אמונים', האט זוכה געווען זען מיט די אייגענע אויגן די וואונדערליכע ישועות וואס מען איז צו דעם זוכה. און אזוי דערציילט ער:

אין די לעצטע יארן האב איך זיך פארבינדן מיט א געוויסן מענטש צו זיין מיט אים א שותף אין די ביזנעס. אין אנהויב זענען די באציאונגען געפארן על מי מנוחות, איך האב זיך משתדל געווען צו זיין ערליך אקעגן אים, און עס האט אויסגעזען אז יענער איז אויך אזוי צו מיר. געווענליך, ווי אין יעדע בשותפות'דיגע ביזנעס, יעדע שריט וואס ווערט געטון אין די ביזנעס מוז זיין מיט די הסכמה פוןביידע צדדים. און טאקע אזוי, דער מענטש האט גארנישט געטון אן א אויסדריקליכע הסכמה פון אונז ביידע, אבער איין געוויסע זאך האט ער באשלאסן צו טון אויף זיין אייגענע באשלוס.

כאטש לויט מיין מיינונג איז דאס געווען א פאלטשע טריט וואס די ריזיקע איז מער ווי די הצלחה, ער איז געשטאנען אויף זיין מיינונג אז עס איז א גאלדענע געשעפט. אין דער ערשטער תקופה האט טאקע אויסגעזען אז דער מהלך איז מצליח, אבער וויבאלד איך האב




געהאט אסאך צווייפלונגען אין דעם, האב איך זיך נישט געאיילט אויסצודריקן מיין הסכמה. אין א קורצע צייט האט זיך אויפגעוויזן אז איך בין גערעכט געווען; די 'גלאנציגע' געשעפט וואס מיין שותף האט געטון האט נאך אריינגעשלעפט די גאנצע בשותפות'דיגן ביזנעס אין ריזיגע שאדנ'ס.

דער שותף האט געוואלט אז איך זאל אויך א טייל נעמען אין די שאדנ'ס, אבער מיט רעכט האב איך גע'טענה'עט אז אין דער קאנטראקט צווישן אונז איז געשריבן און גע'חתמ'עט אז יעדער שריט אין די ביזנעס דארף געטון ווערן מיט די הסכמה פון ביידע צדדים, און אזוי ווי ביי יעדע שריט וואס מען האט ביז יעצט געטון אין די ביזנעס האבן מיר ביידע אונטערגעשריבן, דאס זעלבע וואלט אויך געדארפט זיין ביי די ביזנעס. ווייל איך האב אויף דעם נישט צוגעשטימט, איז עס זיין אייגענע ביזנעס און ער אליין דארף טראגן אויף זיך די שאדן.

ווי געראכטן, אין דעם מאמענט איז די שותפות צווישן אונז צעפאלן, און פון דעמאלט אן בין איך געצווינגען געווען אריינגיין אין א קאמפליצירטן פראצעס מיט מיין געוועזענעם שותף. דער שותף האט פארלאנגט אז איך זאל צוקומען צו א פשרה, אבער אויסער דעם באדייטנעם פינאנציעלער פארלוסט, האב איך אין דעם אויך געזען אן אומרעכטע פרואוו ארויסציען געלט פון מיר, עס איז מיר קלאר געווען אז איך בין גערעכט, און נאכן זיך בארעכטן מיט אדוואקאטן און מורי הוראה האב איך גענומען אן אדוואקאט וואס זאל מיך העלפן אין דעם קאמפליצירטן פראצעס.

עטליכע חדשים האט זיך דער פראצעס געצויגן מער און מער. דער הויפט טענה פון מיין געוועזענעם שותף איז געווען באזירט אז כאטש מיר האבן נישט געמאכט קיין קאנטראקט האב איך אבער גע'חתמ'עט אויף יענע ספעציפישע אקציע, און אין דעם האט ער געזען א הסכמה. אין ענדע האבן מיר זיך געוואנדן צו איינער וואס זאל אויסגלייכן צווישן אונז. דער אדוואקאט וואס איך האב געדינגען האט געהאלטן אז איך בין טאקע גערעכט, אבער אלס איינער וואס האט שוין באגלייט אין זיין לעבן אסאך אזעלעכע פעלער, האט ער מיר געזאגט אז קיינמאל קען מען נישט וויסן אויב די גערעכטיגקייט וועט ארויסשווימען. דער באשלוס צי די געוויסע אקציעס וואס איך האב געטון קען מען רעכענען אלס א הסכמה ליגט אין די הענט פונעם פארמיטלער-ריכטער, און עס זעט אויס אז ער וועט מיך נישט אפזאגן מיט ליידיגע הענט.

וויבאלד עס איז געווען א היפשע סכום, האב איך געטראכט צו מיר אז דער בעסטער השתדלות וואס איך דארף צו טון, איז זיך מקבל זיין זיך מחזק זיין אין א געוויסער ענין, און פון הימל וועט מען זיכער העלפן איך זאל מצליח זיין.

דאס איז געווען אין דער זעלבער צייט וואס ענק האבן אנגעהויבן דעם פראיעקט "דרך אמונה" צו פארשטארקן די ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר אין די שולן. אלס א לאנגיעריגער לייענער פון ענקער וואונדערליכן גליון, און אלס איינער וואס האט דורך דעם זוכה געווען צו פארשטיין ווי גרויס איז די כח פון ענטפערן אמן, באלד ווי איך האב זיך אנגעשטויסן אין דעם פראיעקט וואס ענק האבן פארשפרייט האב איך באשלאסן אז דאס וועט זיין מיין חיזוק. פון יענעם טאג אן האב איך אנגעהויבן קומען פרי אין שול א פערטל שעה פארן דאווענען כדי צו ענטפערן אויף די ברכות השחר.

איך האב דאס געטון מיט א האפענונג אז דאס וועט מיר העלפן זוכה זיין צו די לאנג ערווארטעטע ישועה, אבער למעשה האב איך הנאה געהאט פון יעדע מאמענט, סיי וואס איך האב זוכה געווען צו ווערן פאררעכנט צווישן די 'עשרה ראשונים', און סיי אז איך האב זוכה געווען צו ענטפערן 'אמן' יעדן אינדערפרי נאך די ברכות פון פילע אידן וואס דאנקען השי"ת איינמאל נאכן צווייטן אויף די געזונט פון זייער קערפער און האבנדיג אלעס וואס פעלט אויס אויף דער לעבן אין דער וועלט.

איך האב געפילט אז די הנהגה שטעלט אוועק אלע פראבלעמען אין די ריכטיגע פארפארציע. אין די טעג וואס עס זענען פארגעקומען די פארהאנדלונגען האב איך בעסער אינזין געהאט ביי די ברכה 'הגומל חסדים טובים לעמו ישראל', און אין די בקשה פון פריער: "ותתננו לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואינו", און איך בין געווען רואיג.

איך קען זאגן אז מיט סייעתא דשמיא איז טאקע אלעס געגאנגען לטובתי, למעלה מדרך הטבע. שוין ביים ערשטן מאל האט דער שופט זיך אנגענומען אויף מיין זייט, און ווי מער שפעטער האט זיך מער געשטארקט זיין בליק לטובתי, ביז אין א קורצער צייט האט ער גע'פסק'נט אז איך בין גערעכט, און אפילו אנגעשריגן דעם אנקלאגער: "ווי וואגסטו זיך קלאגן ווען עס איז נישטא א אונטערגעשריבענע דאקומענט צווישן אייך אין דעם ענין?! און אן א גע'חתמ'עטן דאקומענט האסטו נישט געמעגט נעמען אזא שריט!".

"זאלסט וויסן, אז עס איז א זעלטענע זאך פאר א ריכטער צו נעמען אזא עקסטרעמע שריט", האט דער אדוואקאט מיר געזאגט בעפאר מיר האבן זיך געזעגנט. "היינט איז מער אנגענומען אז אפילו א אפמאך אן א חתימה האט א באדייט", אבער איך האב געוואוסט אז אלעס איז אין זכות פון אמן.

און נאך, בהשגחה פרטית, פונקט אין די צייט וואס דער פראצעס האט זיך געענדיגט, האב איך זיך באגעגנט אין א מודעה וואס פארגלייכט ענטפערן אמן צו א חתימה אויף א שטר. אלס א שטענדיגער ליינער פון ענקער גליון, האב איך זיך דערמאנט אז איר האט שוין עטליכע מאל געשריבן וועגן דעם. דעמאלט איז מיטאמאל אדורך א געדאנק, נאכדעם וואס דער גאנצער פראצעס איז געווען די פראגע צי מיין חתימה איז נויטיג אויף יעדע טריט און שריט אין די ביזנעס אין וועלכן איך בין א שותף.

דורך דעם וואס איך האב מחשיב געווען דעם אמן - די חתימה, און איך האב גע'חתמ'עט די ברכות פון די מתפללים. מידה כנגד מידה, האט מען פון הימל אריינגעלייגט אין די קאפ די חשיבות פון די חתימה, ווי מען וואלט מיר געזאגט פון הימל אז דו ביזסט גערעכט "די חתימה איז חשוב".

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

## ענטפערן אמן אין בית המקדש

**נאך די ברכות וואס זענען געזאגט געווארן אין בית המקדש און אין הר הבית האט מען נישט געענטפערט אמן, נאר "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". און עס זענען דא וואס זאגן אז מען האט זיך אזוי געפירט נאר ביי די ברכות פון שמו"ע, אבער אויף אנדערע ברכות האט מען יא געענטפערט אמן אויך אין בית המקדש.**

### מקורות וביאורים:

אין מסכת תענית (טז ב) ווערט געברענגט: "ומנין שאין עונין אמן במקדש? שנאמר (נחמיה ט ה): 'קומו ברכו את ה' אלקיכם מן העולם עד העולם - **ויברכו שם כבודך** ומרומם על כל ברכה ותהלה'", ד.מ. אז בשעת מען האט געלויבט הקב"ה אין בית המקדש, האבן די צוהערהער נישט געענטפערט אמן, נאר צוגעלייגט א שבח. און עס זעט אויס אין רש"י (שם טו ב ד"ה אלא, וכפי שדייק הרש"ש שם) אז אויך נאך די ברכות וואס זענען געזאגט געווארן אין הר הבית האט מען געענטפערט "ברוך שם..." און אזוי פסק'נט דער רמב"ם (תעניות ד טו). לויט רש"י (יומא סט ב ד"ה ויברך. וראה גם בפירושו לתענית שם ד"ה מנין), איז דער א תקנה פון עזרא הסופר, און מען האט זיך אזוי געפירט נאר אין בית שני, אבער קוק נאך אין תוספות ישנים און חידושי הריטב"א אין יומא דארטן וואס קריגן זיך.

דער 'מנחת אלעזר' שרייבט אז נאר די וואס שטייען אין מקום המקדש האבן געענטפערט "ברוך שם..." נאך די ברכות, אבער די וואס שטייען ווייט און האבן געהערט א ברכה וואס איז געזאגט געווארן אין בית המקדש אדער אין הר הבית, האט געדארפט ענטפערן אמן ('דברי תורה' ח"ה אות נח).

לויטן ראב"ד (הובא ברשב"א ברכות סג א) איז דער דין געזאגט געווארן נאר ביי די ברכות פון שמו"ע, אבער אויף די אנדערע ברכות וואס זענען געזאגט געווארן אין בית המקדש האט מען געענטפערט אמן, און זיין ראי' איז פון דער לשון הפסוק (נחמיה ח ו) וואס רעדט פון די צוזאמקום וואס איז געווען ביי די שער פון בית המקדש: "ויברך עזרא את ה' האלקים הגדול ויענו כל העם אמן", און אזוי ברענגט ער אין ספר 'עשרה מאמרות' (מאמר חקור הדין ח"ה פ"ה) אין נאמען פון ריב"ש. אבער פון רש"י אין יומא (שם) זעט אויס אז ער האט געלערנט אז שטענדיג האט מען געענטפערט "ברוך שם..." אויך אויף אנדערע ברכות וואס זענען געזאגט געווארן אין בית המקדש, און אזוי זעט אויך אויס פון די טעמים וואס ווערט פאלגנד דערמאנט אין נאמען פון רע"ב און מהרש"א.

דער טעם פארוואס אין בית המקדש האט מען געענטפערט "ברוך שם..." אנשטאט 'אמן', ערקלערט רבי עובדיה מברטנורא (תענית ב ה): "ווייל מען האט דערמאנט דעם שם המפורש ביי די אויספיר פון די ברכה, **איז נישט גענוג ענטפערן אמן**". אבער דער מהרש"א (ח"א סוטה מ א) ערקלערט אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט אמן, ווייל מען האט נישט געדארפט משלים זיין די ברכה מיט ענטפערן אמן. דער גאנצער טעם וואס מען ענטפערט אמן אויף די ברכות איז כדי צו באהעפטן די שם הוי"ה צו די שם אדנ"י, ווייל אמן איז דאך גימטריה די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י. אבער דאס אלעס פעלט אויס נאר ביי א ברכה וואס ווערט געזאגט אויסערן בית המקדש, וואו דער מענטש מעג נישט דערמאנען דעם שם המפורש, אבער אין בית המקדש וואס מען האט דערמאנט די שם המפורש ביי די ברכה, האט נישט אויסגעפעלט די אמן, נאר מיטן זאגן "ברוך שם" האט מען משבח געווען דעם שם המפורש וואס איז דערמאנט געווארן ביי די ברכה.

## ענטפערן אמן נאך ברכות וואס נאכדעם איז דא א תפילה

**מען דארף באזונדער אכטונג געבן נישט פארגעסן ענטפערן אמן אויף ברכות וואס באלד ביים ענדיגן זאגט מען א תפילה. צ.ב.ש. די ברכה "המחזיר שכינתו לציון", וואס צוליב די איילעניש זאגן "מודים דרבנן" קען מען פארגעסן פון צו ענטפערן אמן.**

### מקורות וביאורים:

אין ספר 'דרך משה' (ליום יא) איז ער באזונדער מעורר אויף צוויי אמן'ס וואס טראץ זייער ספעציעלע מעלה, טון אסאך גרינגשעצן אין דעם אן זיך צו כאפן, און דאס איז: 'אמן' נאך די ברכה פון 'המחזיר שכינתו לציון' - ווייל דער ציבור איילט זיך זאגן 'מודים דרבנן'. און 'אמן' נאך די ברכה פון 'הפורש סוכת שלום... ועל ירושלים' שבת-ביינאכט - ווייל דער ציבור יאגט זיך זאגן נאכדעם 'ושמרו'. און בתוך דבריו דערציילט ער אז א חסיד האט געוואלט וויסן פארוואס די גלות איז אזוי לאנג, און נאכן פאסטן אויף דעם האט מען אים פון הימל געענטפערט: "וויאזוי זאל קומען די גאולה ווען דער עולם געבט נישט אכטונג ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס מ'בעהט אין זיי אויף די גאולה - 'המחזיר שכינתו לציון' און 'הפורש סוכת שלום'...".

לויט דעם שרייבט דער 'דרך משה': "דעריבער בין איך מתקן אין אלע קהילות און אין יעדע פלאץ וואו איך פאר ארום, אז בעפאר מ'הייבט אן 'מודים' און בעפאר מ'זאגט 'ושמרו' זאל מען אביסל ווארטן, און געבן א קלאפ אויפן עמוד פונעם חזן, כדי דער ציבור זאל האבן צייט ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין".

אין 'ספר הפנים' (אות מז) לייגט ער צו א ווארענונג אויף ענטפערן 'אמן' נאך די ברכה 'מחיה המתים', וואס אסאך הייבן אן באלד זאגן 'קדושה' און פארגעסן עס צו ענטפערן.

אויך איז פאראן א ווארענונג אינעם ספר 'ציצית הכנף' (עמ' כא) וועגן ענטפערן אמן נאך די לעצטע ברכה פון די ברכות הפטרה ווען מען איילט זיך צו זאגן די תפילה 'יקום פורקן'.

## מפסיק זיין צווישן אמן און די תפילה פון נאכדעם

**ווען מען ענטפערט אמן נאך ברכות וואס נאך זיי ווערט געזאגט א תפילה, דארף מען אביסל מפסיק זיין צווישן 'אמן' און די ערשטע ווארט פון די קומענדיגע תפילה, ווייל די אמן ווערט געזאגט אויף די ברכה, און האט נישט קיין שייכות צו די תפילה וואס ווערט געזאגט נאך די ברכה.**

### מקורות וביאורים:

לויט די פרי מגדים (או"ח משב"ז נא ג, הובאו דבריו ב'משנה ברורה' קכד כה) אז ווען מען ענטפערט אמן נאך די ברכה "המחזיר שכינתו לציון" זאל מען נישט זאגן "אמן מודים אנחנו לך", נאר מפסיק זיין, כדי צו באטאנען אז די אמן ווערט געזאגט אויף א ברכה און איז נישט פארבינדן צו די תפילה פון מודים. דער 'חות יאיר' איז מעורר מען זאל אינזין האבן ביי די אמנים וואס באלד נאכן זיי זאגן זאגט מען א תפילה, ווייל צוליב וואס מען טראכט פון די תפילה, זענען דא וואס ווערן נכשל זיי צו ענטפערן אן כוונה - אזוי ווי מצות אנשים מלומדה, און פירט אויס "דער ערליכער איד זאל זייער אכטונג געבן און מעורר זיין אנדערע אויף דעם" ('מקור חיים' קכד ו).

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וַיְגָרֶשׁ אֶת הָאָדָם וַיַּשְׁכֵּן מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרֻבִים וְאֵת לַהַט הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת לִשְׁמֹר אֶת דֶּרֶךְ עֵץ הַחַיִּים" (ג כד)

די חכמים (שבת קיט ב) האט צוגעזאגט א וואונדערליכן און באזונדערן שכר פאר דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן".

אין די דרשה אויף שבת שובה תקל"ד האט **רבי יוסף שטיינהארט** פיורדער רב ערקלערט אז די שכר פון עפענען די שערי גן עדן פאר דער וואס ענטפערט אמן, איז 'מידה כנגד מידה': פון יעדע מצוה וואס א מענטש טוט ווערט באשאפן א גוטער מלאך וואס איז אויף אים מליץ טוב, און פון די צווייטע זייט פון יעדע עבירה ווערט באשאפן א מלאך רע וואס איז מקטרג אויף אים. אויך פון זאגן א ברכה ווערט באשאפן א גוטער מלאך, אבער די חכמים זאגן (ברכות נג ב) אז דער מלאך קען זיך נישט פארמעסטן אקעגן די מקטרגים, אזוי ווי א מלאך וואס ווערט באשאפן פון ענטפערן אמן וואס ער איז "תקיף וגבור שבכוחו לנצח המקטרגים".

וועגן דעם זאגן די חכמים (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן". אינדרויסן

## ענטפערן אמן באזיגט די מלאכי חבלה

פון גן עדן געפינען זיך די מלאכי חבלה וואס האלטן צוריק די וואס זענען נישט ראוי אריינגיין אין זיינע טויערן, אזוי ווי רש"י ערקלערט אויף דער פסוק. דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן, איז גורם אז די מקטרגים זאלן באזיגט ווערן, און וועגן דעם איז זיין שכר 'מידה כנגד מידה' אז ווען ער דארפן באזיגן די מלאכי חבלה וואס שטייען ביי די טויערן פון גן עדן, וועלן זיי אונטער געטעניגט ווערן און נישט קענען זיך אקעגן שטעלן אין זיין וועג.

שו"ת 'זכרון יוסף' [פיורדא תקל"ג] דף קב

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### אמן איז אמונה

די משמעות פון ענטפערן אמן איז א דעקלאראציע פון די ריכטיגע אמונה אין באשעפער. אין מסכת שבת (קיט ב) שמועסט אויס די גמרא: "מאי 'אמן'"? און ערקלערט: די ווארט 'אמן' איז ראשי תיבות "א-ל מלך נאמן", זאגט רש"י (שם ד"ה א-ל) אז דער וואס ענטפערט אמן איז מעיד אויפן באשעפער אז ער איז 'א-ל מלך נאמן'. און תוספות (שם ד"ה א"ר חנינא) פירט אויס, אז פון די גמרא זעט מען אז ביים ענטפערן אמן דארף מען אינזין האבן אז הקב"ה איז 'א-ל מלך נאמן'.

אויך דער שולחן ערוך, קומענדיג ערקלערן די פשוטע באדייט פון די ווארט 'אמן', באטאנט אין זיינע ווערטער די רוף פון אמונה וואס איז דא אין דעם, ווייל אזוי שרייבט ער (או"ח קכד ו): "ויענו אמן אחר כל ברכה, בין אותם שיצאו ידי תפלה, בין אותם שלא יצאו, ובכוונה שיכוין בלבו: אמת היא הברכה שבירך המברך **ואני מאמין בזה**".

אין דעם אפטיילונג וועלן מיר ברענגען א ליקוט פון ווערטער און ערקלערונגען פון די גדולי דורות, איבער דער טיפקייט פון אמונה וואס ליגט באהאלטן אין ענטפערן אמן.

### צוויי דרגות אין די באדייט פון אמונה

רבי יהודה בן רבי יקר ערקלערט אז ביים ענטפערן אמן אויף א ברכה איז דא צוויי דרגות פון אמונה: די ערשטע מדרגה איז ענטפערן אמן אויף ברכות הודאה אדער ברכות הנהנין, און די העכערע מדרגה איז ענטפערן אמן אויף ברכות אין וואס עס ווערט דערמאנט די טובות וואס גייט קומען אויף כלל ישראל, אזוי ווי ברכות אויף די גאולה און תחיית המתים. ריכטיג אז אויך ביים ענטפערן אמן אויף ברכות הודאה און ברכות הנהנין איז דא אין דעם אמונה - ער גלייבט די ווערטער פון דער מברך אז הקב"ה האט מיט אים געטון א טובה, אבער דער הויפט אמונה איז די אמן אויף די ברכות אין וואס מען לויבט אויף זאכן וואס זענען צוגעזאגט געווארן פאר אונז אז השי"ת וועט טון. דער איינציגער טייטש פון אמן וואס ווערט געזאגט אויף די ברכות, איז אז ה' איז "א-ל מלך נאמן לקיים דברו", ווייל מיטן ענטפערן אמן אויף די ברכות, קען נישט דער מענטש באשטעטיגן די זאכן מיט זיין שכל, נאר גלויבן אין זיי, "און דאס איז א גרויסע אמונה".

אויף אמנים וואס ווערן געזאגט אויף ברכות וואס זענען נוגע אויף די עיקרי אמונה, זאגן חכמים (שבת קיט ב) "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן". וועגן דעם אויך די גמרא אז אמן איז ר"ת "א-ל מלך נאמן", איז געזאגט געווארן נאנט צו דער מאמר, אונז צו לערנען אז נאר א אמן וואס ווערט געזאגט מיט די באדייט פון "א-ל מלך נאמן" עפנט די שערי גן עדן.

אויך די חכמים האבן באזונדער משבח געווען דער וואס ענטפערט אמן אויף די ברכות, ווייל אזוי זאגן זיי (מדרש תהילים לא י): ""אמונים נוצר ה" (תהילים לא כד) ד.ז. די אידן וואס זאגן 'ברוך מחיה המתים', און מיט אמונה ענטפערן זיי אמן, ווייל זיי גלייבן מיט זייער גאנצן כח אז ער אז מחיה המתים, אויך ווען עס איז נאכנישט די צייט פון תחיית המתים, זיי זאגן 'גואל ישראל' ווען זענען נאכנישט אויסגעלייזט, זיי זאגן 'ברוך בונה ירושלים' ווען עס איז נאכנישט אויפגעבויעט. זאגט הקדוש ברוך הוא: די אידן זענען אויסגעלייזט געווארן נאר אויף א שטיק צייט און זענען צוריק אונטערגעטעניגט געווארן, און זיי גלייבן אין מיר אז איך וועל זיי אויסלייזן, ד.מ. "אמונים נוצר ה"" - זיי גלייבן און ענטפערן אמן, נוצר ה""..." ('פירוש התפילות והברכות' ח"ב עמ' קי).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

שלום וברכה

המפורסמות אינן צריכות ראיה, יעדער ווייסט פון ישועות וואס מען איז זוכה צוליב די זהירות אין ענטפערן אמן. אבער יעצט "בדידי הוה עובדא" און איך וויל עס מיטטיילן מיט אלעמען.

איך האב זיך גענויטיגט אין א ישועה אין א געוויסע געזונטהייט פראצעדור. איך האב באשלאסן זיך צו מחזק זיין אין ענטפערן אמן, ווען באזונדער האב איך אכטונג געגעבן אויף ענטפערן אמן נאך 'אשר יצר'. גדולי עולם האבן געזאגט אז זאגן די ברכה איז א סגולה אויף רפואה, אויב אזוי על אחת כמה וכמה ענטפערן אמן אויף דעם, ווייל "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

בחסדי ה' בין איך געהאלפן געווארן נאך א תקופה פון בערך צוויי חדשים, מיט א ישועה וואס איז ממש מעל לדרך הטבע. איך האב געטראכט, אז נישט אומזיסט איז אמן גימטריה צ"א, מרמז זיין אז מיטן אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן, גייט אוועק די פראבלעם פון דעם מענטש.

בברכה נאמנה

**צ.מ.א**

**ביתר עילית**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס:
08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס:
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די אוהל אויף די ציון פון רבי אהרן מזיטאמיר זי"ע

### רבי אהרן מזיטאמיר זי"ע

### כ"ז תשרי תקנ"ז

רבי אהרן איז געבוירן געווארן אין ליטא צו זיין פאטער רבי מרדכי. אין די תקופה וואס רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב האט געוואוינט אין זעליחוב, איז רבי אהרן געפארן לערנען אין זיין ישיבה, און האט זיך שפעטער צו אים מדבק געווען און געווארן איינער פון זיינע גרעסטע תלמידים.

אין יאר תקנ"ג איז ער אויפגענומען געווארן אלס מגיד אין שטאט לעכאוויטש, און אין יאר תקנ"ז נאך די פטירה פון רבי זאב וואלף פון זיטאמיר בעל 'אור המאיר', איז ער אויסדערוועלט געווארן צו זיין דער ממלא מקום אין די רבנות פון זיטאמיר.

אסאך האבן זיך געדרייט ארום אים, צווישן זיי דער 'בת עין'. זיינע דברי תורה זענען געשריבן דורך זיין תלמיד רבי לוי פון זיטאמיר און געדרוקט געווארן אין ספר 'תולדות אהרן'.

ער איז נפטר געווארן כ"ו תשרי תקע"ז און איז באערדיגט געווארן אויפן אידישן בית החיים אין זיטאמיר.

### נייינציג אמנים יעדן טאג

אין זיין ספר 'תולדות אהרן', איז ער אסאך מאל מעורר אויף די הקפדה צו ענטפערן נייינציג אמנים יעדן טאג, פאלגנד איז א ליקוט פון זיינע ווערטער:

אין פרשת שמיני איז ער מעורר אויף די חוב צו ערפילן די ציפער פון די דברים שבקדושה וואס די חכמים האבן באשטימט צו ענטפערן יעדן טאג, און איז מרומז אין די ווארט 'צדיק' [צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות] און אזוי שרייבט ער: אין אונזערע צייטן, די הויפט וועג וואס דורך דעם קען דער מענטש צוקומען צו די דרגה פון 'צדיק', איז דורך מקפיד זיין אויף די צאל פון די דברים שבקדושה וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צדי"ק', וואס זיי זענען: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות. דער וואס געבט אכטונג אין דעם עפענט די שערי שמים, און זיין תפילה גייט ארויף, און די מלאכים מאכן פון דעם א קרוין פאר הקדוש ברוך הוא. "עס זענען דא גרויסע צדיקים וואס גרייטן זיך צום דאווענען דורך יחודים און צירופי שמות, אבער מענטשן אזוי ווי מיר זענען וואס מיר קענען נישט דאס - דער עיקר איז אכטונג געבן יעדן טאג אין די מידה פון צדי"ק".

נאך טוט ער אויף (פרשת שופטים) אז די צאל פון די נייינציג אמנים וואס די חכמים האבן קובע געווען דארף מען משלים זיין נאך פארן דאווענען, וזה לשונו: "פארן דאווענען דארף מען ענטפערן נייינציג מאל אמן, און מיט דעם קען **יעדער מענטש** עפענען א טיר אז די תפילה זאל אריינגיין, און זיך אוועקשטעלן אקעגן דעם עילת העילות".

### ברכת המזון איז מדאורייתא

נאך איז ער מעורר אין זיין ספר (שם) מען זאל זייער נזהר זיין אין ברכת המזון, עס זאגן ווארט ביי ווארט, און אינזין האבן ווי עס דארף צו זיין. און לייגט צו אז דער מעזריטשער מגיד האט מעורר געווען "אינזין האבן ביי ברכת המזון מער ווי ביים דאווענען, ווייל תפילה איז מדרבנן און ברכת המזון איז מדאורייתא".

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com